אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע״פ משנת הבעש״ט הק׳ ותלמידיו

פרשת שופטים תשפ״ד / גליון קצ״ג

הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל״ט
ספה״ק **מאור עינים** (בהעלותך)

| יום | מד״ה |
|---|---|
| ראשון | מתחילים פרשת בהעלותך |
| שני | וכתיב הנסתרות לה׳ אלוקינו |
| שלישי | וזהו שביקש משה רבינו |
| רביעי | וכן במצוה צריכים אנחנו |
| חמישי | והנה אמרו רבותינו ז״ל עד ד״ה או יאמר בהעלותך |

צו באקומען אינדערהיים דעם חודש׳ליכן קונטרס ערשטע חודש האלב פרייז, רופט 848-243-1624

מערכת ״קול דודי״

א וועלט פון ליכטיגע חסיד׳ישע שמועסן

אין אמעריקע
605.313.6695

אין ענגלאנד
033.0551.7811

אין ארץ ישראל
03.5.100.200

אלול איז ביים טיר!

שטארקע שמועסן אויף אלול
מפי חשובי המשפיעים

אין ׳קול דודי׳ היכל המרכזי נומער 1

## חסיד׳יש גערעדט

### א חסידי׳שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# דאס קינד טראכט און דער טאטע לאכט...

## ריכטיג טאקע, דיין השגה איז גאר קנאפ און בכלל נישט אזוי אמת׳דיג, אבער אט די פיצעלע השגה איז ׳דיר׳ מדבק צום אויבערשטן, און פון דעם שעפט דער רבונו של עולם תענוגים

אין כתה א׳ האט ער דערציילט פאר זיינע חברים: ״מיין טאטע איז א ׳גיבור׳! ער קען אויפהייבן דריי בענק אויפאיינמאל...״.

אין כתה ב׳ האט ער זיך געגרויסט איבער די אנדערע קינדער: ״מיין טאטע קען לאכן זייער שטארק...״.

אין כתה ג׳ איז ער שוין אביסל עלטער געווארן: ״מיין טאטע קען אהערשטעלן גאר א גוטע סאלאט...״.

אין כתה ד׳ איז ער צוגעקומען צו א נייע השגה: ״מיין טאטע קען האלטן צוויי אייער אין איין האנט...״.

אין כתה ה׳ איז ער שוין א שטיקל גראפאלאג... ער האלט זיך גרויס: ״מיין טאטע שרייבט גראדע שורות און קיין איין אות שטעקט זיך נישט ארויס פון דער ליניע...״.

און דער טאטע, דער תלמיד חכם און ש״ס איד - שטייט אין דער זייט און האט הנאה... אינטערעסאנט, אנשטאט ער זאל זיך שעמען מיט זיין קינד׳ס נארישע השגות - שעפט ער גאר נחת און פארגעניגן דערפון...

## דו ביסט דען באשאפן געווארן כטעות ח״ו?!

פארהאן א שאלה וואס אסאך פרעגן זיך זעלבסט: צו וואס זאל איך זיך פארטיפן אין מחשבות פון גדלות ה׳? פארוואס דארף מען לערנען חסיד׳ישע ספרים? פארוואס דארף איך שטרעבן זוכה צו זיין איין טאג צו חכמת הח״ן? צו וואס זאל איך אריינגיין אין העכערע היכלות פון ׳דביקות׳ - וועלכע איז סיווי העכער פון מיין פארשטאנד?

דער הייליגער ׳בני יששכר׳ זי״ע אין ׳אגרא דכלה׳ דער וואך - באציהט זיך צו אט דער שאלה.

ער שטעלט זיך אויפן פסוק ״והלוי אשר בשעריך לא תעזבנו כי אין לו חלק ונחלה עמך״. און ער איז מסביר: **״יֵשׁ לְרַמֵּז שֶׁהִיא אַזְהָרָה לָאָדָם, לְבַל יֹאמַר מַה לִּי לְהִתְעַסֵּק בְּמֻשְׂכָּלוֹת וּבִדְבֵקוּת הָאֱלֹקוּת, הֲלֹא הוּא דָּבָר שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהַשִּׂיג עַל בֻּרְיָהּ״.** דער אויבערשטער איז דאך אָן קיין גבול, נישטא קיין באגריף ווי גרויס ער איז, מען קען ממש נישט משיג זיין גארנישט ביזן סוף, נאר בלויז א משהו. און דער פשוט׳ער מענטש טראכט צו זיך: ״אויב וועל איך סיווי נישט וויסן גארנישט - נו, פארוואס זאל איך בכלל אנהייבן אריינצוגיין דערין?!״.

קומט דער ׳אגרא דכלה׳ און זאגט אָן מיט א ׳תורת חיוב׳. **״רַק מְחֻיָּב בְּכָל יוֹם לְהִתְבּוֹנֵן כְּפִי שִׂכְלוֹ, וּכְשֶׁיִּתְוַדַּע לוֹ אֵיזֶה מֻשְׂכָּל יֶעְתַּק מִמֶּנָּה לְגָבוֹהַּ יוֹתֵר, וּבְכָל יוֹם וּבְכָל שָׁעָה יוֹסִיף אֹמֶץ בְּמֻשְׂכָּלוֹת וּבְהִתְבּוֹנְנוּת גְּדֻלַּת אֱלֹקֵי עוֹלָם, עַל כֵּן מֵהָרָאוּי לְאָדָם לִשְׂמֹחַ בְּחֶלְקוֹ חָכְמָה בִּינָה וָדַעַת שֶׁנָּתַן לוֹ הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ שְׁמוֹ וּמַה שֶּׁחֲנָנוֹ הַבּוֹרֵא בְּחָכְמָה וּבִדְבֵקוּת, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יַעֲזֹר לוֹ בְּכָל יוֹם יוֹתֵר וְיוֹתֵר.**

**״וְזֶהוּ שֶׁיֵּשׁ לְפָרֵשׁ ׳וְהַלֵּוִי אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ׳ - רוֹצֶה לוֹמַר הַדְּבֵקוּת אֲשֶׁר בְּהַשְׁעָרוֹת שִׂכְלְךָ - יִתְפָּרֵשׁ ׳לֵוִי׳ מִלְּשׁוֹן ׳וְנִלְווּ עָלֶיךָ׳, וּ׳בִשְׁעָרֶיךָ׳ מִלְּשׁוֹן הַשְׁעָרָה וְשִׁעוּר, ׳לֹא תַעַזְבֶנּוּ כִּי אֵין לוֹ חֵלֶק וְנַחֲלָה עִמָּךְ׳ - רוֹצֶה לוֹמַר כִּי לֹא תוּכַל לְהַמְתִּין בִּדְבֵקוּת וְיִחוּדִים עַד שֶׁיִּהְיֶה לְךָ שֵׂכֶל רַב, כִּי אֲפִלּוּ תִּחְיֶה כִּימֵי מְתוּשֶׁלַח לֹא תַשִּׂיג אֲמִתִּיּוּת מֻשְׂכָּלוֹת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרֵךְ, כִּי זֶה אֵינוֹ מֵחֹק הָאֶפְשָׁרִי לְשׁוּם נִבְרָא וּמִכָּל שֶׁכֵּן לְמִין הָאֱנוֹשִׁי הַדָּר בָּעוֹלָם הַזֶּה בְּעַפְרִיּוּת הַחֹמֶר״.** פארהאן מענטשן וועלכע זענען מודה אז צדיקים און גרויסע ׳בעלי מוח׳ מעגן זיין פארנומען מיט ׳מושכלות גדולת הבורא יתברך׳, מיט ׳דביקות׳ און ׳יחודים׳, ווייל פאר זיי פאסט עס זייער גוט, אבער אונז? וואס האט דאס בכלל מיט אונז צו טון?

דער ענטפער איז: נישטא קיין שום ׳נברא׳, און זיכער נישט קיין מענטשליכער נברא, וואס עס זאל פאסן, אז ער זאל עוסק זיין אין פארשטיין געטליכקייט, ווייל דער אויבערשטער איז דאך העכער פון יעדע השגה. נאר וואס דען? עס קען נישט זיין אז דער מענטש איז באשאפן געווארן פאר אומזיסט. ריכטיג טאקע, ער האט נישט ארויס דעם אויבערשטן, אבער אויב האט אים דער אויבערשטער באשאפן - דארף ער זיך פארטיפן און משיג זיין! און אט דאס שאפט א געוואלדיגער פארגעניגן אויבן אין הימל. **״וְאִם כֵּן בְּרִיאָתְךָ לָרִיק חַס וְשָׁלוֹם, כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ הַנֶּעְלָם מִכָּל נֶעֱלָם אֵין לוֹ חֵלֶק וְנַחֲלָה בְּגַשְׁמִיּוּת, רַק זֶה שַׁעֲשׁוּעָיו כְּשֶׁהַתַּחְתּוֹנִים מַשְׂכִּילִים מֵאֱלֹקוּתוֹ מַה שֶּׁיֵּשׁ כֹּחַ בֶּאֱנוֹשִׁיּוּתָם וְנִדְבָּקִים בְּשִׂכְלָם בְּשָׁרְשָׁם הָאֲמִתִּי. ודו״ק כִּי קָצַרְתִּי, הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ יָאִיר עֵינֵינוּ״.** די ׳שעשועים׳ אין הימל שטאמט פון דעם, וואס דער מענטש - בשעת׳ן אריינטראכטן און אריינקלערן אין געטליכקייט - באהעפט ער זיך מיט א געוואלדיגן קשר צו זיין אמת׳דיגן שורש! ער איז זיך מדבק אינעם אויבערשטן! און אט דאס איז דער ענין: ריכטיג טאקע, דיין השגה איז גאר קנאפ און בכלל נישט אזוי אמת׳דיג, אבער אט די פיצעלע השגה איז ׳דיר׳ מדבק צום אויבערשטן! און אט פון דעם שעפט דער רבונו של עולם תענוגים!

## קליינע ׳השגות׳ - אבער א גרויסן ׳שייכות׳

צוריק צום משל: דער טאטע לאכט טאקע פון די קליינע השגות פונעם קינד, אבער דאך האט ער שטארק הנאה אז דאס קינד רעדט און טראכט פון אים. אט דאס איז מגלה דעם קשר וואס דאס קינד האט צו אים. דאס קינד טרעפט א וועג וויאזוי אויסצודרוקן זיין קשר און ליבשאפט צום טאטן - דורך זיינע שוואכע השגות. ריכטיג טאקע, ער איז א קליינער נאַרעלע וועלכער הייבט נישט אָן צו דערגיין א טראפעלע פון זיין טאטנ׳ס קלוגשאפט - אבער זיין טאטע דארף דאס נישט! אים איז גענוג דער עצם זאך, וואס דאס קינד האט אים ליב און רעדט פון אים לויט זיינע נארישע השגות.

שטעלט אייך פאר אזא סיטואציע: דאס קינד לערנט שוין אין כיתה ו׳, און ער הייבט שוין אָן צו אויפכאפן, אז ער פארשטייט בכלל נישט צום טאטן, און דערפאר באשליסט ער: ״איך זעה דאך אז איך פארשטיי בכלל נישט צו מיין טאטן, נו אויב אזוי, צו וואס זאל איך פרובירן צו טראכטן און רעדן פון אים?!

> **דער טאטע לאכט טאקע פון די קליינע השגות פונעם קינד, אבער דאך האט ער שטארק הנאה אז דאס קינד רעדט און טראכט פון אים**

בעסער לאמיר מסיח דעת זיין פון אים! לאמיר טראכטן בלויז פון זאכן וואס איך פארשטיי דערצו, ווי מיינע נאשעריי און צוקערלעך...״. מיר קענען זיך אליינס פארשטעלן וואספארא ווייטאג דאס וועט ברענגען ביים טאטן, און אויך, וויפיל דאס קינד וועט דורכדעם דערלייגן פון זיין קשר צום טאטן. ער פארשטייט נישט, אז זיין טאטע האט הנאה אָן א שיעור פון זיינע קליינליכע השגות, ווייל ווי קליין און נאריש דאס איז - ליגט אבער דערין דעם שייכות און קשר צו אים, און דערפאר, אויך דער פארגעניגן און הנאה. און יעדעס מאל וואס ער גייט ארויף א כיתה, און ער שטייגט אביסל צו האבן א משהו העכערע השגה אינעם טאטן - ווערט דער קשר, און אויטאמאטיש אויך דער פארגעניגן - שטארקער און גרעסער.

זאגט דער ׳אגרא דכלה׳: אט דער הסבר פאדערט פון אונז אלע - יעדער לויט זיין כשרון און שכל וואס דער אויבערשטער האט אים באשאנקען - צו אריינטראכטן אין טיפע שכליים איבער ׳גדלות הבורא׳, עוסק זיין אין ׳פנימיות התורה׳, ׳דביקות׳ און ׳יחודים׳. אויך גיבט דאס אונז א רעכט צו זיין פרייליך מיט אונזערע קליינליכע השגות. ווייל דער ציל איז נישט צו וויסן און ארויסהאבן - וואס אליבא דאמת קען דאס קיינער סיווי נישט ארויסהאבן - נאר צו רעדן און טראכטן פונעם טאטן אין הימל, וועלכער האט א געוואלדיגער תענוג ווען זיינע קינדער רעדן און טראכטן איבער זיין גרויסקייט און לעכטיגקייט.

# יראת שמים דורכ'ן דאווענען

## ווען איז די ריכטיגע צייט איינצוכאפן יראת שמים ביי זיך אין הארץ? • וואס ליגט אונטער אונזערע אלע מידות רעות? • וואס איז די שייכות צווישן 'תפילה' און 'יראת שמים'?

**משפיע:** ווען מיר האבן דא, אברהם יצחק! נו, וויאזוי גייט עס?

**אברהם יצחק:** א שאלה...? מיר האלטן שוין ממש ביים שוועל פון חודש אלול, מ'גרייט זיך שוין צו די הייליגע טעג. און דער אמת איז, אז כאטש מיר האבן שוין גערעדט עטליכע מאל איבער די מצוה פון 'יראה', אבער ס'איז מיר נאך אלץ נישט גענוג קלאר: ווען איז די ריכטיגע צייט אריינצונעמען די 'יראה' אין קאפ אריין? ווייל לויט מיין יעצטיגע מצב, זעט מיר נישט אויס אז כ'וועל זיך פשוט קענען אוועקזעצן פאר אביסל צייט און נאר טראכטן פון יראה...

**משפיע:** ביסט גערעכט, נישט יעדער קען און דארף זיך אוועקזעצן און אנהייבן זיך צו מתבונן זיין אין וואס 'יראה' מיינט, און די מציאות איז אז נישט יעדער איז באמת ביכולת דאס צו טון. אבער זאלסט נאר וויסן, אז די עכטע, ריכטיגע צייט דערפאר, וואס איז פאסיג ממש פאר יעדן איינעם - איז בשעת'ן דאווענען!

**אברהם יצחק:** דאווענען?! וואו קומט דא אריין דאווענען? אין וועלכע חלק פון דאווענען? איך פארשטיי נישט; וואס איז בכלל די קשר צווישן דאווענען און יראת שמים? אוודאי דארף מען מיט יעדע מצוה האבן יראת שמים, אבער פארוואס זאל דווקא דאווענען זיין א צייט ווען דאס צו קונה זיין?

> ווען מ'הערט א שיעור דעמאלטס איז מעגליך אז די מחשבות זאלן צומאל פארפארן אין פארשידענע חלומות'לעך... אבער ווען מען רעדט צו איינעם

**משפיע:** כ'זעה אז איך דארף צוערשט קלאר מאכן דעם ענין פון יראה. יראת שמים מיינט פארשטיין און אנערקענען מציאות השם. אט די הכרה ברענגט א מענטש ער זאל זיין אינגאנצן בטל פארן אויבערשטן, ווייל ווי נאר א מענטש אנערקענט די מציאות פון באשעפער, אזוי אויך דערהערט ער אז דאס מיינט עס אז ער אליינס האט נישט קיין שום כח, נאר אלעס וואס ער האט קומט נאר פון אים, ער קען זיך נישט פארלאזן אדער אויסקוקן אויף סיי וועלכע אנדערע כח וואס ער פארמאגט יא אדער נישט, ווייל ער האט באמת גארנישט... ווען מ'האט אזא הבנה, מאכט דאס אז דער מענטש זאל ווערן אינגאנצן אנגעוויזן אויפן אויבערשטן. און אלס רעזולטאט דערפון, האלט ער זיך קליין און ווערט בטל פאר אים.

**אברהם יצחק:** אהא, אבער וויאזוי קומט מען אן צו אזא סארט הכרה? ממש אזא הכרה וואס זאל צוברענגען אז מ'זאל שפירן אז מ'קען גארנישט אן דעם אויבערשטן!

**משפיע:** אזויווי כ'האב דיר שוין געזאגט; **דורכ'ן דאווענען!**

**אברהם יצחק:** וואו שטייט די גאנצע זאך אין די ווערטער פון דאווענען?

## 'אין עוד מלבדי'...

**משפיע:** אלע ווערטער פון דאווענען ברענגען ארויס ווי קליין און אומבאדייטנד א מענטש איז, ווי גארנישט די גאנצע בריאה איז, אזוי אויך אז דער אויבערשטער איז די איינציגסטע, עכטע מציאות וואס עקזיסטירט בכלל! און ער איז דער צו וועמען יעדער איז אנגעוויזן און דארף זיך ווענדן.

לאמיר געבן א שטיקל שילדערונג וויאזוי א מענטש שפירט, ווילאנג ער איז נאך איינגעהילט אין זיין 'וועלטעלע' און לעבט נאך אין אן 'עולם' - וואס איז טייטש 'העלם', א באהאלטעניש. דעם מענטשנ'ס אלע מחשבות דרייען זיך נאר ארום זיך אליינס, זיין הצלחה, זיינע כוחות, און זיין דארשט אז יעדער זאל איינזען זיינע כוחות, אים שעצן, זען זיינע מעלות, און אים באוואונדערן און ליבן, און אלץ אזוי ווייטער. מצד דעם מענטש, קומט אז דווקא ער זאל זיין דער 'מלך העולם'. כאטש ער פארשטייט אז ער האט געוויסע זאכן אין וואס ער דארף זיך נאך פארבעסערן, אבער אין פרינציפ, 'בעצם', שפירט ער אז פאר אים וואלט זיך געקומען די גאנצע כבוד...

בקיצור, אן דעם וואס דער מענטש זאל עס בכלל באמערקן, צומאל דירעקט און צומאל אומדירעקט, לויפן דורך אזעלכע מחשבות ביי דעם מענטש אין קאפ און הארץ: "הודו לי, קראו **בשמי**"... "שירו **לי**, זמרו **לי**, שיחו בכל **נפלאותי**"... "יהי **כבודי** לעולם, ישמחו כולם **במעשי**"... "**לי** הגדולה והגבורה והתפארת וכו'"... "יכירו וידעו כל יושבי תבל כי **לי**"...

**אברהם יצחק:** חלילה וחס! אזעלכע מאדנע מחשבות זענען מיר נאך קיינמאל נישט ארויפגעקומען אין קאפ! וויאזוי קען א מענטש בכלל טראכטן אדער אפילו אריינלאזן אזעלכע נארישע, עקלהאפטיגע מחשבות אין קאפ? וויאזוי קען מען בכלל זיך פארשטעלן און אפילו בייפאלן אזא הוה אמינא?

**משפיע:** כ'האב דיר שוין פריער מרמז געווען, אז אוודאי טראגט נישט א מענטש אזעלכע אפענע מחשבות ביי זיך אין קאפ. סך הכל ליגט עס אבער טיף-טיף באהאלטן אין די טיפעניש פון הארץ, אויף א פארנעם, אז וואס דער מענטש אליינס איז נישט אינגאנצן באוואוסטזיניג אז ער האט עס ביי זיך.

**אברהם יצחק:** אויב אזוי, ווער זאגט אז ס'איז דארט באמת דא אזעלכע מחשבות טיף אין הארץ?

**משפיע:** ווייל אט די מחשבות זענען די שורש פון אלע שלעכטע מידות וואס מיר קענען, אויף דעם עולם הגשמי. נעם למשל די מידה פון 'קנאה': פארוואס שטעכט א מענטש דאס הארץ, יעדעס מאל ער זעט א צווייטנ'ס הצלחה? פארוואס ווען ער דערזעט געוויסע מעלות אדער טאלאנטן ביי א צווייטן, קען ער נישט צוקוקן פארוואס ער אליין האט עס נישט? און אזוי ווייטער. אדרבא, טראכט אביסל טיפער: פון וואו קומען די אלע מחשבות? פון וואו שטאמען זיי? דאס אלעס קומט פון די אינערליכע געפיל אז "אלעס קומט מיר" און אז "אלעס באלאנגט פאר מיר".

און דאס זעלבע איז ווען ס'קומט צו די מידה פון כעס. ווען א מענטש ווערט אויפגערעגט אדער נערוועז ווען זאכן גייען נישט ווי ער האט געוואלט, קען ער עס פשוט נישט פארטראגן, ער קען עס נישט דורכלאזן. נאכאנאנד שפילט ער איבער די זאך: "ווער דערוואגט זיך צו גיין אנטקעגן מיין ווילן און מיר מאכן אזוי אומצופרידן?"

און אזוי ווייטער, גייט עס אן ביי אלע אנדערע מידות רעות. אלעס איז באזירט אויפן יסוד פונעם "אני" וואס ליגט באהאלטן טיף אינעווייניג אין א מענטש. אייגנטליך איז דאס די 'גאוה' וואס איז איינגעקריצט אין יעדנ'ס הארץ - און פאקטיש פאדערט זיך אסאך התבוננות און ארבעט עס צו ריכטיג אידענטיפיצירן.

## א איד שרייט אויס ביים דאווענען: "אין עוד מלבדו"

**אברהם יצחק:** איך הער. אויב אזוי, קען מען שוין טאקע אריינגיין צום ענין פון תפלה...

**משפיע:** זייער גוט. קומט אויס אז האסט שוין איינגעזען אז די מחשבות מיט וואס א מענטש דרייט זיך ארום א גאנצן טאג, זענען בלויז ווי גרויס 'ער' איז און אז 'זיינע' געברויכן זאלן ווערן אין אכט גענומען. די גאנצע מחשבה איז נאר פארנומען וויאזוי זיך אליינס אויסצובורייטערן און 'זיך אויסשפרייטן אויף די גאנצע וועלט'...

אבער ווען ס'מאכט זיך א גוטע מינוט, נעמליך; בשעת'ן דאווענען, דאן האט א מענטש א מורא'דיגע געלעגנהייט צו אנטדעקן און אנערקענען די אמת'ע מציאות: דאס איז דער אויבערשטער וואס ער איז דער ריכטיגער, איין-איינציגסטער מציאות. און ערשט דעמאלטס קען ער אנהייבן זאגן שירות ותשבחות פארן אויבערשטן, און נאך אויף א פונקט פארקערטע מהלך ווי געוועגליך: "הודו **לה'** קראו **בשמו**", "שירו **לו** זמרו **לו**"... אלעס באלאנגט פארן אויבערשטן, דער מענטש ווענדט זיך צו זיך אליינס און צו די גאנצע בריאה און רופט אויס, אז יעדע זאך וואס איז טייער אין די וועלט - באלאנגט אויסדריקליך נאר פארן אויבערשטן! די גאנצע שפע וואס איז פארהאן אין די וועלט, קומט נאר פון אויבערשטן! און דער קליינער, נישטיגער מענטש האט און איז, ממש איין גרויסער גארנישט! ער איז פולשטענדיג אומבאהאלפן, ער איז אינגאנצן אנגעוויזן אויף דעם אויבערשטנ'ס רחמים וחסדים.

**אברהם יצחק:** אהא, קומט אויס אז דאס אליינס - די געפיל ווי מ'שפירט זיך א גארנישט - איז אייגנטליך די מצוה פון 'יראה'?

**משפיע:** ניין, נישט דאס איז דער עיקר ענין פון יראה. פאקטיש איז עס א געוויסע 'ענף', א 'תוצאה' פון די יראה וואס א איד דארף צו האבן אין מח. דעריבער, ווען א מענטש טראכט אריין און מאכט זיך קלאר ביי זיך בשעת'ן דאווענען דעם מציאות ה'; דאס מיינט, אז דער אויבערשטער איז דער איינציגסטער און אז ס'איז נישטא גארנישט אויסער אים, וואס דעמאלטס קען אריינקומען א 'יראת הרוממות' ביים מענטש אין קאפ - ערשט דעמאלטס פאלט אויטאמאטיש אוועק די גאנצע הרגשה פון 'ישות', ס'איז אינגאנצן בטל. אנשטאט דעם קומט אריין א שטארקע הכנעה און שפלות רוח פארן אויבערשטן, אזוי אז אלע שלעכטע מענטשליכע מידות ווערן מזוכך און אויסגעאיידלט.

**אברהם יצחק:** פיין. איז למעשה, וואס דארף איך אינזין האבן בשעת'ן דאווענען?

**משפיע:** דער הייליגער מסילת ישרים, ווען ער לערנט אויס פארן מענטש וויאזוי מ'דארף אנקומען צו יראה ביים דאווענען, לייגט אראפ א ספעציעלע דרך פון 'התבוננות'. ס'איז כדאי זאלסט אליינס דורכלערנען זיינע הייליגע ווערטער, ס'איז ממש ליכטיג ווערטער! אזוי שרייבט ער אין פרק י"ט, ביי 'ביאור חלקי החסידות':

"**וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה דְבָרִים צָרִיךְ שֶׁיִּסְתַּכֵּל הָאָדָם וְיִתְבּוֹנֵן הֵיטֵב כְּדֵי שֶׁיַּגִּיעַ אֶל זֹאת הַיִּרְאָה, הָאֶחָד, שֶׁהוּא עוֹמֵד מַמָּשׁ לִפְנֵי הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, וְנוֹשֵׂא וְנוֹתֵן עִמּוֹ...** [דא איז דער מסילת ישרים מאריך וויאזוי א מענטש קען דאס מצייר זיין ביי זיך אין הארץ], **וְאַחַר שֶׁיִּקְבַּע זֶה בְּדַעְתּוֹ, צָרִיךְ שֶׁיִּתְבּוֹנֵן עַל רוֹמְמוּתוֹ יִתְבָּרַךְ, אֲשֶׁר הוּא מְרוֹמָם וְנִשְׂגָּב עַל כָּל בְּרָכָה וּתְהִלָּה, עַל כָּל מִינֵי שְׁלֵמוּת שֶׁתּוּכַל מַחְשַׁבְתֵּנוּ לְדַמּוֹת וּלְהָבִין. וְעוֹד צָרִיךְ שֶׁיִּתְבּוֹנֵן עַל שִׁפְלוּת הָאָדָם וּפְחִיתוּתוֹ, לְפִי חָמְרִיּוּתוֹ וְגַסּוּתוֹ, כָּל שֶׁכֵּן לְפִי הַחֲטָאִים שֶׁחָטָא מֵעוֹדוֹ**".

דער רמח"ל לייגט דא אראפ דריי נקודות, צווישן זיינע ווערטער: **א.** טראכטן אז מען שטייט ממש פארן אויבערשטן, **ב.** די גדלות און דערהויבנקייט פונעם אויבערשטן, **ג.** ווי פראסט און נידריג א מענטש איז.

**אברהם יצחק:** אלעס פיין און וואויל, אבער די מציאות איז, אז כסדר טרעף איך זיך אז איך חלום סתם, בשעת מיינע

מחשבות פליען אין אלע זייטן... פלוצלונג כאפ איך זיך אז איך האלט שוין ביי 'השיבה שופטינו'... הלוואי וואלט איך געקענט האבן די אלע הויכע מחשבות וואס כ'האב נארוואס געהערט...

## געהעריג רעדן צום אויבערשטן

**משפיע:** ביסט גערעכט, אבער ממש דאס וויל דער מסילת ישרים דא ארויסברענגען: אז פאר אלעס דארף א מענטש ריכטיג קלאר מאכן ביי זיך אין מח אז ער רעדט יעצט צו איינעם... שטעל זיך פאר ווי דו רעדסט צו א צווייטער מענטש, האט זיך אמאל געמאכט אז אינמיטן רעדן האסטו אנגעהויבן צו סתם חלומ'ען? אוודאי נישט! פארוואס? ווייל מילא ווען נאר דער אנדערער רעדט, אדער למשל ווען מ'הערט א שיעור אדער א דרשה - דעמאלטס איז מעגליך אז די מחשבות זאלן צומאל פארפארן אין פארשידענע חלומות'לעך... אבער ווען מען רעדט צו איינעם, ווען מ'וויל משפיע זיין אויף אים אדער אים איבערצייגן ער זאל מסכים זיין עפעס וואס מ'וויל - דאן איז בכלל שייך במציאות אז אזוי סתם אינמיטן רעדן זאל מען אנגעהויבן חלומ'ען פון אינגאנצן אנדערע זאכן?! זיכער נישט!

דעריבער איז די עיקר עבודה ביים דאווענען **קלאר שטעלן ביי זיך אז מען שטייט פארן אויבערשטן**, וועלכער הערט כביכול אויס מיט די גרעסטע מאס אויפמערקזאמקייט יעדעס ווארט וואס קומט ארויס פון דיין מויל. ער קוקט אויף דיר און ער הערט דיר אויס!

**אברהם יצחק:** כ'הער, אבער למעשה, ווען איך רעד צו א מענטש א בשר ודם, זעה איך כאטש ווי ער קוקט אויף מיר, איך קען הערן זיין ענטפער. אבער דא, כאטש איך גלייב אוודאי דערין, אבער די מציאות איז אז ס'שפירט נישט אזוי ממשות'דיג.

**משפיע:** גערעכט, און טאקע דערפאר האב איך דיר געראטן אז דו זאלסט גוט דורכלערנען דעם שטיקל מסילת ישרים, ווייל ער שמועסט דארט אויס באריכות דעם ענין. ער מאכט עס זייער קלאר. ער רעדט איבער די שוועריגקייט וואס א מענטש האט מיט דעם וואס ער זעט נישט מיט די פליישיגע אויגן ווי ער רעדט צו איינעם, און דערביי לערנט דער רמח"ל אויס פארן מענטש וויאזוי ער קען אוועקשטעלן און איינקריצן אט די מציאות אין זיין הארץ. די אלע מחשבות און געפילן ברענגען אז דער מענטש זאל שפירן א בושה פארן אויבערשטן, ער טראכט מיט וואספארא פנים שטעלט ער זיך יעצט פאר אים, און וויאזוי ער קוקט אויס אין זיינע אויגן... טאקע מיט אזא מחשבה פלעגן זיך חסיד'ישע אידן צוגרייטן א גאנצן טאג צום דאווענען; פשוט ווייל זיי האבן געטראכט מיט וואספארא פנים גייען זיי זיך שטעלן פארן מלך מלכי המלכים.

**אברהם יצחק:** מורא'דיג. האבן מיר ביז יעצט נאר אויסגעשמועסט די צוגאנג צו די 'זמן' פון תפילה...

**משפיע:** אין הכי נמי, און טאקע דאס איינצוקריצן אין הארץ איז די שורש פון יראת שמים! טאקע דאס באגלייט דעם מענטש דורכאויס זיין גאנצן טאג. ווייל דאס איז די גאנצע מהות פון אן ערליכער איד, ביי וועמען ס'איז פעסט איינגעבאקן אין הארץ אין יעדע איינציגע סעקונדע, אז ער שטייט פארן מלך מלכי המלכים.

**אברהם יצחק:** א גרויסן יישר כח!

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**די מצוה פון אהבת ישראל, איז א גרויסע סגולה צו זוכה זיין צו טהרת הנפש און כפרת עוונות.**

הרה"ק רבינו הזקן זי"ע
('טהרת הקודש' תשובות סגוליות פכ"ג)

# צומאל א בעל הבית, צומאל א סוחר

מענדל'ס וועלט איז אים פארטונקלט געווארן. ער האט אנגעקוקט זיינע שבת'דיגע בגדים, און צוריק צו די ברענענדיגע ליכטעלעך. דערנאך האט ער געווארפן א בליק אויפן טיש און באמערקט די ציכטיג ווייסע טישטוך. ער האט פרובירט זיך צו קניפן, טראכטנדיג אז הלוואי חלומ'ט ער, אדער רייבן די אויגן, האפנדיג אז זיינע אויגן נארן אים.

אבער ס'האט אים נישט געהאלפן; ער האט איינגעזען די ביטערע מציאות: די שרעקליכע אקט איז געטון געווארן. ער, מענדל, האט בשוגג מחלל שבת געווען. ער האט אנגעצינדן די ליכט. ס'איז טאקע נאר געווען אן קיין כוונה, א חילול שבת בשוגג, נאך וואס ער האט פשוט פארגעסן אז היינט איז דעם הייליגן שבת. זיין הארץ איז געווארן צעפיצלט אויף טויזנט שטיקלעך, אזוי אז דעם פארבליבענעם שבת האט ער געפראוועט מיט ביטערע בכיות.

ווען ער וואלט געלעבט אין די צייטן ווען דער בית המקדש איז געשטאנען, וואלט ער גלייך מוצאי שבת געדארפט איינפאקן זיין זעקל און אפלויפן קיין ירושלים, כדי דארט צו מקריב זיין א קרבן חטאת. אבער וואס קען ער יעצט טון, ווען מיר זענען ליידער פארטריבן אין גלות? ער האט זיך געאיילט קיין קאלאמיי, צום הויז פונעם גרויסן מחזיר בתשובה, דער הייליגער גאון רבי הלל זי"ע, כדי צו באקומען א דרך התשובה. און געוויס, רבי הלל האט אים פארשריבן א סדר פון תעניתים און סיגופים.

אבער, מענדל האט נישט געהאט קיין כח עס איבערצוהאלטן. ביז נישט לאנג ער איז אריינגעפאלן אין א טיפע מרה שחורה.

"פארוואס איז מיין חבר אזוי צוקלאפט?" האט זיך הויך געוואונדערט זיין גוטער חבר, רבי שמשון קשאנאווער. א איד, א מורם מעם. ווי נאר ער האט געענדיגט אויסהערן מענדל'ס גאנצע מעשה, האט ער זיך גלייך געאיילט מיט אים קיין צאנז, צום חצר הקודש פון הייליגן 'דברי חיים' זי"ע.

זייענדיג בקודש פנימה, האט מענדל אויסגעגאסן זיין הארץ און דערציילט די גאנצע מעשה. ער איז ארויס פונעם צדיק מיט א פיל גרינגערע דרך התשובה. ווען דער צדיק האט אים דערביי אנגעוויזן: ער זאל זיך שנעל צוריקקערן צו זיין געווענליכע סדר היום אנגעלאדנט מיט לימוד התורה און קיום המצוות, און אינגאנצן מסיח דעת זיין פון זיין עבירה - כדי ס'זאל אים נישט שטערן פון זיין עבודת ה'.

מענדל איז צוריק אהיים צו זיין שטאט מיט א פרייליך הארץ, אבער רבי שמשון איז געבליבן אין צאנז. ער האט געוואלט פארשטיין פשט דערפון. ביי איין געלעגנהייט האט רבי שמשון אנגעפרעגט דעם צדיק: "פארוואס איז רבי הלל געגאנגען אזוי שטרענג אין דעם ענין, בשעת דער רבי האט עס אזוי גרינג מתקן געווען?"

און דער הייליגער צאנזער רב האט אים געענטפערט מיט א משל:

א גרויסער סוחר, וואס פלעגט האנדלען מיט ריזיגע סומעס געלט. איין טאג זעט ער ווי זיין ווייב דינגט זיך מיט א הענדלער אין מארק איבער אפאר גרייצער. דער סוחר האט זיך שטארק געוואונדערט דערויף, ער האט נישט געקענט פארשטיין וויאזוי בשעת זי האט גאנצעטע בינטלעך באנקנאטן ביי זיך אין טאש, דארף זי זיך שטעלן אויף אפאר פיאסטער?! ווען איז געווען דאס לעצטע מאל וואס ער האט זיך געדינגען אויף אזעלכע קלייניגקייטן?

אבער נאך אביסל טראכטן, האט ער פארשטאנען די חילוק: אויב זיין ווייב וועט נישט אכטונג געבן מיט יעדע גרייצער, וועט די גאנצע פרנסה אין הויז עווענטועל קראכן. דאקעגן ביי אים איז פונקט פארקערט; אויב ער וועט זיך אזוי שטעלן אויף יעדע פרוטה, וועלן אים זיינע אלע ביזנעס-שותפים שנעל אפלאזן.

דערביי האט דער צדיק פארשטיין געגעבן: "רבי הלל איז דער בעל הבית, דעריבער קוקט ער נאך יעדע קליינע איינצלהייט. אבער איך בין א סוחר, איך האנדל מיט גרויס געלט, דעריבער דארף איך צומאל אביסל פארקוקן און דורכלאזן די קליינע זאכן."

ווען רבינו שליט"א האט פארענדיגט צו דערציילן די מעשה, האט ער עס ערקלערט:

"דאס איז זייער א טיפע משל. דער נקודה דערפון איז, אז פון איין זייט דארף א מענטש וויסן אז 'על כל אלה יביאך האלקים במשפט', ס'איז דא א דין וחשבון אויף יעדן איינציגן פרט וואס מ'טוט. אבער פון די אנדערע זייט, זעען מיר אין די תורה אז איין קרבן האט געקענט מכפר זיין אויף גאנץ כלל ישראל. ביידע בחינות האבן א מקום, יעדע זאך איז ריכטיג אין איר צייט, און נישט פאסיג ווען ס'איז נישט די צייט דערפאר:

"און א מענטש דארף זיך פירן מיט שכל און אויסנוצן יעדן מהלך אין די ריכטיגע מינוט. ער דארף וויסן ווען ער דארף מדקדק זיין ביזן לעצטן פינטל, און ווען ער דארף פארשטיין אז אפילו אויב ער איז געשלאגן מיט אסאך עבירות, איז זיין עבודה יענע מינוט דאס אלעס צו פארגעסן און זיך אינגאנצן אריינלייגן אין תורה און מצוות."

**מקור: מעשיהם של צדיקים**



# תורה, מצוות, אדער גשמיות מיט דביקות (א)

## אויב טון אין גשמיות לשם שמים איז אזוי חשוב - דאן פארוואס דארף מען בכלל לערנען תורה?

## שאלה:

מ׳האלט דא אינמיטן ברייט אויסשמועסן די מעלה פון עוסק זיין אין ענייני עולם הזה, ווען ס׳איז לשם שמים און מיט א דביקות אין אויבערשטן. מ׳רעדט אז ס׳איז זייער א וויכטיגע חלק פון עבודת ה׳, און גאר העכער פון אנדערע עבודות, אין א געוויסע זין. און דער אמת איז אז ס׳איז בכלל נישט קיין חידוש; אלע חסיד׳ישע ספרים טוען דאס כסדר אויסשמועסן, און טייל אפילו מיט די גאנצע שארפקייט. ס׳איז באקאנט וואס דער הייליגער בעל שם טוב האט געזאגט, אז אויב איינער וואס לערנט די הלכה פון ״המחליף פרה בחמור״ טוט א געוואלדיגע עבודה, דעמאלטס קל וחומר אז איינער וואס טוט בפועל מחליף זיין א פרה בחמור - בשעת ער פירט זיך לויט די הלכה און מתוך א דביקות צום אויבערשטן - טוט אוודאי א מורא׳דיג הויכע עבודה.

אבער איין זאך פארשטיי איך נאכנישט: אויב די עבודה איז אזוי גרויס, דעמאלטס פארוואס האבן מיר א מצוה צו עוסק זיין אין די הייליגע תורה בייטאג און ביינאכט? פארוואס זאלן נישט מענטשן בעסער ארויסגיין ארבעטן און אריינברענגען פרנסה א גאנצן טאג - און אלעס על פי הלכה און מיט א דביקות בה׳, אזוי אז דורכדעם זאל נתגלה ווערן כבוד שמים אין דעם עולם הגשמי? און אין אמת׳ן פרעגט זיך די שאלה אויך פארקערט: אויב די תורה איז אזוי וויכטיג אז מ׳דארף זיצן און עס לערנען יומם ולילה, דעמאלטס פארוואס זאל מען איר אפלאזן פאר גשמיות׳דיגע באדערפענישן? בקיצור, די גאנצע ענין איז אביסל צומישט ביי מיר, און כ׳דארף א קלארקייט וואס איז וויכטיגער פון וואס, און וואס איז דוחה וואס.

## תשובה:

### א מצוה קומט מיט ׳כללים׳

**צוערשט איז וויכטיג קלאר אוועקצושטעלן די יסוד הדבר:** חז״ל לערנען אונז אז א מצוה וואס איז ״אפשר לעשות על ידי אחרים״, איז נישט דוחה לימוד התורה. דאקעגן א מצוה וואס קיינער אנדערש קען עס נישט טון, איז יא דוחה לימוד התורה.

און וויבאלד אין חסיד׳ישע ספרים ווערט שטארק ארויסגעברענגט אז טון אין גשמיות לשם שמים איז אויך א מצוה, גייט אן דער זעלבער יסוד אויך דא: אויב ס׳האנדלט זיך וועגן א גשמיות׳דיגע געברויך וואס קען ווערן ערלעדיגט דורך אנדערע מענטשן, טאר מען נישט מבטל זיין תורה דערפאר. אבער אויב קיין אנדער קען עס נישט טון, דעמאלטס איז עס יא דוחה לימוד התורה, אזוי אז ס׳איז דעם מענטש׳ס עבודה צו ערפילן דעם גשמיות׳דיגן געברויך - און לשם שמים, מיט אן אמונה און דביקות אינעם אויבערשטן, און מיט דעם טוט ער א געהעריגע מצוה.

אט דער גדר געבט אונז אויך א טיפערע פארשטאנד און א ברייטערע בליק אויף די שאלה וואס דו האסט געפרעגט. פון איין זייט האבן חז״ל קלאר געזאגט אז א מענטש דארף עוסק זיין בתורה א גאנצן טאג, און אפילו א מצוה - וואס איז אויך א בחינה פון דביקות אין אויבערשטן - שטופט עס נישט אפ. אבער פון די אנדערע זייט, אויב ס׳מאכט זיך א געוויסע ׳מצוה עוברת׳ וואס מוז יעצט ווערן געטון, שטופט עס יא אפ לימוד התורה. **און דאס, פאדערט א קלארע ביאור.**

### תורה איז אסאך העכער: מ׳ווערט איינס דערמיט

**פארוואס האבן חז״ל געזאגט, ״ותלמוד תורה כנגד כולם״? וואס איז די ספעציעלע מעלה פון תורה מער פון אלע אנדערע מצוות?** (מיר האבן שוין אמאל שטארק מאריך געווען דערוועגן, און אצינד לאמיר עס איבערגיין בקיצור נמרץ, בעז״ה).

דער תירוץ איז, אז די דביקות וואס מ׳באקומט דורך די הייליגע תורה, איז אומבאגרייפליך העכער ווי די דביקות וואס מ׳באקומט דורך אנדערע מצוות. **און ס׳איז אזוי פון ביידע זייטן: סיי מצד דעם אויבערשטן, און סיי מצד דעם מענטש.**

**מצד דער אויבערשטן כביכול:** די סאמע העכסטע, געטליכע אור, ווערט דייקא נמשך דורך תורה הקדושה, אויף א פארנעם וואס קיין שום אנדערע מצוה איז נישט ביכולת. ווייל די תורה איז כביכול **די חכמה** און **די שכל** פון אויבערשטן, אין פארגלייך צו די מצוות וואס זענען נאר **אברים דמלכא.** די חילוק צווישן די צוויי איז פונקט ווי די חילוק צווישן א מענטשליכע מוח און זיינע גלידער, וואס אלע גלידער ציען זייער חיות פון די מוח, אזוי אז אלעס ווענדט זיך אין וואס ס׳טוט זיך אינעם מוח. אזוי ארום, אויב די אור התורה איז אזויווי די מוח, בשעת די אור פון די מצוות זענען ווי די אברים, פארשטייט זיך אליינס אז די אור התורה איז אומשאצבאר העכער און מער יסודות׳דיג.

אזוי אויך טרעפן מיר אין חז״ל א נורא׳דיגע הגדרה אז די תורה איז כביכול די ׳נפש׳ פון אויבערשטן, אזויווי דער אויבערשטער האט געזאגט: ״**א**נא **נ**פשי **כ**תבית **י**הבית״ [ראשי תיבות ״אנכי״, כביכול דער אויבערשטער זאגט: איך מיין נפש האב איך אראפגעשריבן און אייך געגעבן]. דאקעגן די מצוות זענען בלויז ווי כביכול די ׳כוחות הנפש׳. אלזא קומט אויס, אז די אור אלוקי אין די תורה, וואס איז געגליכן צו די נפש, איז אסאך העכער און מער ׳מהות׳דיג׳ ווי די אור המצוות, וואס זענען בלויז געוויסע גילויים און כוחות הנפש.

**מצד דעם מענטש:** די טבע פונעם מענטשליכן שכל איז, אז ער ווערט אינגאנצן פאראייניגט מיט א שכל׳דיגע זאך וואס ער פרובירט צו פארשטיין, אויף אזוי ווייט אז דער שכל ווערט א חלק פון אים אליינס (אזויווי מיר האבן אמאל מאריך געווען). קומט אויס, אז ווען די תורה געפונט זיך אין א מענטש׳ס שכל, **ווערט זיין שכל אליינס פאקטיש א שטיק תורה.**

און ווען מ׳לייגט צו דעם פאקט אז דער שכל איז למעשה דאך דער וואס געבט חיות און ׳פירט׳ דעם גאנצן מענטש ביי יעדע איינציגע ריר, האט מען א דאפלטע מעלה: ווייל ס׳קומט סיי אויס אז ווען דער מענטש לערנט תורה, ווערט זיין שכל אינגאנצן מאוחד מיט חכמתו ורצונו יתברך, און נישט נאר זיין שכל, נאר ס׳האט אויך א השפעה אויף די גאנצע וועג וויאזוי דער מענטש באגייט זיך און פירט זיך! אלעס ווערט דעמאלטס געטון תורה׳דיג און געטליך. א געוואלדיגע דביקות בה׳ פילט אן זיין גאנצע וועזן, זיין גאנצע התנהגות, ממש פון אויבן ביז אונטן.

אזוי ווי חז״ל זאגן, אז דאס איז דער סיבה פארוואס עס ווערט אנגערופן ״תורתו״, זיין תורה, ווייל נאכדעם וואס א מענטש לערנט תורה, ווערט עס באמת ׳זיין תורה׳, וויבאלד דער מענטש ווערט אינגאנצן איינס מיט די תורה. ער ווערט אליינס א שטיק תורה, א שטיק דביקות.

**אבער ביי קיום המצוות געשעט דאס נישט.** ווייל כאטש מצוות זענען טאקע ממשיך אורו יתברך, אבער ס׳גייט נישט דורכ׳ן שכל. דעריבער פעלט דארט סיי די עוצם היחוד, ווי די שכל ווערט איינס מיטן ׳מושכל׳, די זאך וואס דער מענטש פארשטייט - און סיי די שטארקע השפעה וואס דאס האט אויפן נפש האדם. ווייל כאטש א מצווה באשטייט אוודאי פון דביקות בה׳, איז עס אבער פארט נאר אויף א חיצוניות׳דיגע אופן, ס׳איז נישט אז די גאנצע ׳מהות האדם׳ נעמט א חלק דערין. ס׳איז טאקע דא א קשר מיטן אויבערשטן, אבער נישט מיט דעם מענטש׳ס גאנצע פנימיות און גאנצע מהות.

**און פון דא קען מען פארשטיין די געוואלדיגע מעלה פון א תלמיד חכם,** וועמען חז״ל האבן פארטיילט אן א שיעור שבחים, ביז אזוי ווייט אז מ׳טרעפט נישט אז חז״ל זאלן זיך אזוי שטארק אויסדריקן די מעלה פון סיי וועלכע מצוה, ווי ביי די מעלה פון א תלמיד חכם, און דאס איז אפילו ווען ער האלט נישט פאקטיש אינמיטן לערנען. ווייל די גדלות פון א תלמיד חכם איז, אז זיין שכל - און אלס רעזולטאט דערפון, זיין גאנצע לעבן - ווערט אינגאנצן פאראייניגט מיט די סאמע העכסטע אור אלוקי! ער ווערט ווי איין שטיק גילוי אלקות, ער ווערט אינגאנצן באהאפטן און מאוחד מיטן אויבערשטן.

### מצוות ברענגען ארויס די ׳פינטל׳

**אויב די מעלה פון לערנען תורה איז אזוי גרויס, און ס׳איז ״כנגד כולם״ עס שטייגט אומבאגרייפליך איבער אלע אנדערע מצוות, דעמאלטס וויאזוי קען זיין אזא זאך אז געוויסע מצוות דוחה זיין מצות תלמוד תורה? וויאזוי קען זיין אז ווען ס׳קומט אונטער א מצוה עוברת וואס מוז יעצט ווערן געטון, דארף מען צומאכן די גמרא און זיך אפגעבן דערמיט - כאטש, ווארשיינליך, איז עס א פיל שוואכערע דרגה פון דביקות בה׳?**

ס׳איז אינטערעסאנט צו הערן, אז פונקט די ׳חסרון׳ פון די מצוות, איז למעשה זייער מעלה. דאס אז זיי זענען מער חיצוניות׳דיג און שטייען אין א נידריגערע דרגה, דאס מאכט אז זיי זאלן זיין אומשטאנד אויסצופירן די תכלית הכוונה העליונה פון ״לעשות לו יתברך דירה בתחתונים״!

ווייל ס׳איז באקאנט אז די גאנצע כוונה וואס דער אויבערשטער האט געהאט ביים באשאפן די וועלט, איז געווען אז ער זאל קענען רוען און נתגלה ווערן אין די מערסט נידריגע פלעצער. און כאטש וואס אויך די מענטשליכע שכל ווערט פאררעכנט אלס ׳נידריג׳ אין פארגלייך צום הייליגן באשעפער, אבער ווען ס׳האנדלט זיך מיט חיצוניות׳דיגע, גשמיות׳דיגע זאכן - ווי למשל די פעל פון א בהמה אדער א קישן צום שלאפן - איז עס פיל-פאכיג ׳נידריגער׳.

דעריבער, ווען א מענטש איז זוכה צו מזכך זיין אויך די פעל און די קישן, אז זיי זאלן ווערן כלים פאר אורו יתברך און אז דורך זיי זאל נתגלה ווערן די אור האלוקי פון מצוות, דעמאלטס ווערט דווקא דארט ארויסגעברענגט וואס איז די גאנצע יסוד אויף וואס אלעס שטייט! דייקא דארט ווערט פארווירקליכט די תכלית הכוונה העליונה, פון מאכן א דירה לו יתברך בתחתונים.

קומט אויס, אז כאטש די אור האלוקי וואס געפונט זיך אין מצוות איז נישט אזוי הויך, זייענדיג נאר נוגע פאר חיצוניות און גשמיות, פונדעסטוועגן - און טאקע צוליב דעם - ווערט דארט דערגרייכט די שלימות און תכלית פון די כוונה העליונה.

### קודם דארף זיין ׳עפעס׳

**למעשה שטעלט זיך ארויס, אז קיין איינע פון די צוויי זאכן אליינס איז נישט גענוג.** ווייל אויב א מענטש האט נאר די כח פון תורה, דעמאלטס כאטש ער איז טיף אנגעבונדן און מאוחד מיטן אויבערשטן אויף א וואונדערליכן אופן, אבער למעשה האט ער נאכנישט אויסגעפירט די ענדגילטיגע שלימות פון די כוונה העליונה. פון די אנדערע זייט, אויב א מענטש האט נאר די כח פון מצוות, דעמאלטס איז ער טאקע ממשיך אור אלקותו יתברך ביז תחתוני התחתונים, אבער פאקטיש האבן זיי **אים** נישט אינגאנצן געטוישט, ער האט זיי נישט ׳איינגענומען׳ אין זיך, ער האט זיך נישט מאחד געווען אינערליך מיטן אויבערשטן. נאר ווען ס׳איז דא סיי תורה - וואס בינדט אן דעם מענטש צום אויבערשטן אויף א פנימיות׳דיגע אופן - צוזאמען מיט מצוות - וואס זענען ממשיך דעם דביקות ביז למטה און ביז צו חיצוניות, ערשט דעמאלטס איז ער ממלא די כוונה העליונה מיטן גאנצן שלימות.

קומט אויס, אז תורה און מצוות זענען משלים איינער דעם צווייטן, און איינס קען נישט זיין אן דעם צווייטן. פונדעסטוועגן, מצוות עוברות וואס קענען נישט ווערן געטון דורך א צווייטן קומען פאר תורה. וואס איז טאקע פשט דערפון?

**לאמיר דאס מסביר זיין מיט א פשוט׳ער משל:** שטעלט זיך פאר ווי מ׳זעט אן אנטבלויזטע מח אן סיי וועלכע גוף, אן קיין גלידער, אן קיין רמ״ח און שס״ה וועמען ער פירט. וואס איז אזא מח ווערד...? פון די צווייטע זייט, ווען מ׳זעט א טיפש וואס האט נישט קיין שכל, כאטש ער פארשטייט גארנישט, איז אבער פארט דא א ׳מציאות׳, עפעס א זאך וואס עקזיסטירט.

און טאקע דערפאר זענען די מצוות מעשיות אזוי קריטיש וויכטיג, ביז אז זיי האבן א זכות קדימה. ווייל פאר אלעס דארף מען צוגרייטן דעם גוף התחתון, אזוי ער זאל קענען מקבל זיין די גילויי אלקות, און ערשט נאכדעם קען מען אריינברענגען דעם שכל האלוקי אין תחתונים, אויף א פארנעם אז ס׳זאל נישט בלייבן שוועבן ערגעצוואו אין די עליונים (נאך א חילוק איז דא: מצוות זענען בבחינת ׳סור מרע׳, זיי זענען מזכך די חיצוניות כדי מ׳זאל קענען מקבל זיין דעם אור ה׳, און דערנאך קומט די תורה וואס איז בבחינת ׳עשה טוב׳, און לייגט צו א פנימיות׳דיגע קשר).

מ׳דארף וויסן, אז כאטש שכל אן מעשה איז גארנישט ווערד, איז אבער די אמת׳ע, אינסטינקטיווע טבע פון א איד צו וועלן כסדר נאר לערנען, און טאקע נאר ווייל דער אויבערשטער וויל אנדערש און צוליב די נשמה וואס פלאקערט אין אים, צווינגט ער זיך איבערצולאזן די גמרא כדי צו מקיים זיין די מצוות. און פארוואס איז עס אזוי? ווייל א איד קוקט אלץ ארויס צו זיין באהאפטן צום אויבערשטן. דאס איז זיין גאנצע שטרעבונג און ווילן, און דעריבער ווען אימער ער וועט זיך קענען מקרב צו זיין צום אויבערשטן מיט זיין גאנצע מהות און נשמה, וועט ער צולויפן דערצו. אבער למעשה, דארף ער זיך דערמאנען פארוואס מ׳האט אים אראפגעשיקט אויף די וועלט: אז דער אייבערשטער וויל אז זיין אור זאל דווקא אראפקומען דא למטה אינעם עולם השפל, און מ׳דארף מקיים זיין די מצוות מתוך א דביקות צום אויבערשטן אפילו ווען מ׳שפירט נישט די געהויבענע אור פון וואס מיר רעדן אצינד - פשוט ווייל דאס איז די גאנצע תכלית הבריאה.

פארזעצונג קומענדיגע וואך, בעז״ה.

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי״ת, אבער מ׳ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ״ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון רופט
אין מאנסי: 347.452.3118 וויליאמסבורג: 347.774.0850 קרית יואל: 917.538.7491 לעקוואיד: 845.274.4847
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483